דער פאמיליע פון פריהצייטיג פערשטארבענעם

# נ״ע באריס עיטינגאז

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.
אין דעם פערשטארבענעם פערלירען מיר איינעם פון די אקטיווסטע טוער אויפ׳ן געביט פון אינדוסטריאליזירונג פון די יודישע מאסען.
כבוד זיין אנדענק!

**די פערוואלטונג פון דער געז. צו פערשפרייטען מלאכה און ערד-ארבייט צווישען יודען „ארט" אין לאדז**

---

טיף גערירט צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון

# נ״ע באריס עיטינגאן

דריקען מיר אויס דער פאמיליע אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

**Fabryka Wyrobów Jedwabnych H. GORDIN i S-ka**

4206

---

אדורכגענומען מיט גרויס טרויער צוליב׳ן טויט פון

# נ״ע באריס עיטינגאן

(וו.-פרעזעס פון דער אקצ.-געז. נ. עיטינגאן און שותפים)

דריק איך אויס דער פערוואלטונג און דירעקציע דעם טיפסטען מיטגעפיהל.

**מ שייביאק**, דרוקעריי. 4208

---

דעם 6-טען ד. ח. איז געשטארבען

# נ״ע באריס עיטינגאז

געוו. פערוואלטונגס-מיטגליד פוז אונזערע אינסטיטוציעס

אין דעם פערשטארבענעם פערלירען אונזערע אינסטיטוציעס אנ׳ארבייטס-מיטחבר און א מענש פון אונפערגלייכליך גוטען כא-אקטער, וועלכער האט נישט איינמאל מיטגעווירקט צו לינדערן די טרעהרען פון אונזערע ארימע ברודער.

זאל איהם די ערד גרינג זיין.

**לאדזער געזעלשאפט צו פלעגען קראנקע „ביקור חולים" און „אוזדראוויסקא"**

4207

---

כעמיש-
באקטעריאלאגישע
לאבאראטאריע
פון מאגיסטער

**נ. שאץ**

פיעטריקאווער 37

פראנט, 2 שטאק.
אנאליזען פון קאל. אורין
לייכעץ און אנד.
מעסיגע פרייזען.

---

מיט גרויס צער מעלדען מיר אלע אונזערע חברים, אז נאך קורצע שווערע ליידען איז געשטארבען אין בליהענדען עלטער פון 46 יאהר אונזער ליבע חבר׳טע

# רעגינא בלאט

(געבוירענע ליובארטאווסקא)

צו דער לויה וועלכע קומט פאר היינט, זונטאג, 10 פריה פון בית-החיים, ווערען געבעטען אלע אונזערע חברים, פריינד און בעקאנטע צו קומען, כדי איהר אפצוגעבען דעם לעצטען כבוד

**ארטיסטען-קאלעקטיוו פון יודישען טעאטער אין פילהארמאניע.**

---

נאך קורצע און שווערע ליידען איז פרייטאג געשטארבען אין עלטער פון 46 יאהר מיין ליבע פרוי און מוטער

# רעגינא בלאט

(געבוירענע ליובארטאווסקא)

ארטיסטין פון יודישען טעאטער.

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, דעם 10-טען, 10 א זייגער פריה פון בית החיים, וועגען וואס עס טיילען מיט

**די טיפטרויערנדע פאמיליע.**

4214

---

שייטלען

מיט פאריזער שרינדען און פערטיגע שייטלען ווערען ערשטקלאסיג און רעיעל אויסגעפיהרט אויך אנדולאציע

**ניי הערש,**
סקווערא׳ווא 15.

---

אין טיפען צער בעוויינען מיר דעם טויט פון אונזער ח׳טע

# רעגינא לובארטאווסקא

**פערוואלטונג פון יודישע ארטיסטען-פעריין אין פוילען**

---

**די ווילנער טרופע** דיר. מ. מזאה

באדויערט צוזאמען מיט דער גאנצער ארטיסטישער משפחה דעם טויט פון ח׳טע

# רעגינא לובארטאווסקא

---

בעזה״י

צום נייעם שול-יאהר תרצ״ב 1932/33 אי״ה ווערט געעפענט דאס נייע

ארטאדאקסישע 7 קל. לעהר-אנשטאלט

# „אהל יעקב"

פון בעוואוסטען לאנגיעהריגען פראקטיצירטען מלמד און פעדאגאג

**ר׳ יעקב איינשידלער** מזדונסקא-וואלא

טיילט מיט, אז ס׳ווערען שוין אנגענומען איינשרייבונגען פון תלמידים אויפ׳ן שול-יאהר 1932/33 אין אלע מחלקות. עס ווערט אנגאזשירט די טיכטיגסטע פעדאגאגישע קרעפטען סיי אין למודי קודש סיי אין למודי חול

## לאדז, שרודמיעסקא 20

**וואולטשאנסקא 10**

אין אנ׳ערשטקלאסיג איינגעארדענט מיט אלע בעקוועמליכקייטע לאקאל. עס איז שוין אנגאזשירט געווארען מלמדים מומחים, וואס זענען בערופען אויף דעם און האבען זיך קונה שם געווען אויפ׳ן פעדאגאגישען געביט אונטער דער הנהלה פון דעם לאנגיעהריגען בעוואוסטען פעדאגאג ר׳ **יצחק מאיר קרעלל**

אויסער די כתות און קלאסען פאר די שול-פליכטיגע תלמידים איז אין דער ת״ת שולע ספעציעל איינגעאָרדנעט

# א קלאס פאר אנפענגער

וועלכע האבען נאך נישט קיין שול-צוואנג

איינשרייבונגען קומען פאר פון זונטאג אי״ה פ׳ חקת ובלק ו׳ תמוז דעם 10-טען ל׳ פיעך טעגליך פון 10 — 2 פארמיטאג און פון 4 — 7 אווענד אין דער קאנצעלאריע פון „אהל יעקב". שרודמיעסקא 20, וואולטשאנסקא 10, אויפ׳ן הויף, לינקע אפיצינע.

**די ליי טונג.**

---

כשר! וויכטיג! כשר

## נייעס צום זומער-סעזאן!

ווילט איהר זיין געזונד?
ווילט איהר עסען געשמאקע און פרישע מיטאגען, פריהשטיקען און אווענדברויטען?

קומט אלע ווי איינער נור אין דעם גוט-בעקאנטען, היגיענישען, כשר׳ן

# באר „בריסטאל"

**4 פאלודניאווא 4**

טעל. 151-74

וואו איהר בעקומט צו יעדער צייט די בעסטע

**מיטאגען** פון 50 און מיט געפילטע פיש

**אווענדברויטען** און ספארשירענע

פון 90 גר. או.

**פריהשטיקען** צו בעקומען פון 7 פריה אן
קומט און איבערצייגט אייך!
געבעקס פריי! סאלידע בעדינונג!
כ׳שיק אפ מיטאגען צו הויזע
אהן עקסטרא קאסטען.

---

Dr. med.

# D. ROZENCWAJG

האט זיך איבערצויגען אויף

**16 Narutowicza 16**

(Piłsudskiego 76)

Telefon 128-74.

נעהמט א׳ פון 9-10 פריה און פון 6-7 אווענד.

---

דאס ניי-ערעפענטע

ארטאדאקסישע 7-קלאס. לעהר-אנשטאלט

# „בית דוד"

פון בעוואוסטן לאנגיעריגען פראקטיצירטען מלמד און פעדאגאג

# דוד פוקס

**לאדז, גדאנסקא (דלוגא) 87**

טיילט מיט, אז ס׳ווערען שוין אנגענומען איינשרייבונגען פון תלמידים אויפ׳ן שול-יאהר 1932-33 אין אלע מחלקות. עס ווערט אנגאזשירט די טיכטיגסטע פעדאגאגישע קרעפטען סיי אין למודי-קודש סיי אין למודי-חול.

**„בית דוד"** ווערט איינגעארדענט אין א ערשטקלאסיגן מוסטער-האפטען איינגעריכטעטען היגיענישען לאקאל, וועלכער געפינט זיך אין א בעזונדער בנין אין דער מיט פון א פראכטפולען גארטען.

**„בית דוד"** ווערט אנגעפיהרט דורך דעם לאנגיעהריגען בע-וואוסטען פראקטיצירטען ערציהער און קינדער-פריינד, וועלכער האט זיך מיט זיין אייגענארטיגע פאכמענישע פעהיגקייטען ערווארבען אין אונזער שטאט פיל טויזענדער סימפאטיקער און אנהענגער.

**„בית דוד"** וועט מיט זיין סדר הלמוד און אופן פון ערציהונג געבען דעם קינד א פולשטענדיגען תכלית אין למודי קדש ווי אויך א פולשטענדיגען 7 קלאסיגען קורס אין למודי חול אזוי, אז די תלמידים וועלען זיין בעזה״י לשמים ולבריות.

איינשרייבונגען קומען פאר טעגליך פון 10—1 פארמיטאג און פון 4—9 אווענד אין דער קאנצעלאריע פון „בית דוד" גדאנסקא (דלוגא) נומ׳ 87.

**די ליי טונג.**

4152

בעמ.: צופאהר-טראמוואי׳ען 5, 6, 8, 9 און 17.

